צענטראַלע יידישע ביבליאָטעק
און פרעסע אַרכיוו




מאָנאַטלאַכער זשורנאַל פאַר אַלזייטיקער ליטעראַרישער שאַפונג
אונטער דער רעדאַקציע פון
**י. ליבמאַן, ב. פרידמאַן און מ. קראַוועץ**

ניו־יאָרק, יאַנואַר, 1923 | ערשטער יאָר, נומ. 1

# וואָס ווילן מיר?

וואָס ווילן מיר? וואָס באַצוועקט דער „אויפגאַנג"? דער „אויפגאַנג" באַצוועקט צו ווערן די טריבונע, וואו די שעפּ־פערישע אידישע יוגנט פון אַמעריקע זאָל קענען קומען צום אויסדרוק. דער „אויפגאַנג" באַצוועקט צו זיין דער זשור־נאַל, וואו עס וועט זיך אָפּשפּיגלען די גייסטיקע חבלי לידה, וואָס די פּראָגרעסיווע אידישע אינטעליגענץ פון אַמעריקע לעבט אי־בער אין דער איצטיקער שטורמדיקער תקופה.

דער „אויפגאַנג" איז אַ מאָנאַטלאַכער זשורנאַל פאַר דער פאַרצווייגטער אידישער שאַפונג. דיכטונג און בעלעטריסטיק וועט פאַרנעמען דעם אויבענאַן אינ'ם „אויפגאַנג". אבער אויך קריטישע און פּובליציסטישע אַרטיקלען איבער אקטועלע פראגן פונ'ם היגן אידישן קולטור־געזעלשאַפטלאַכן לעבן וועלן פאַר־נעמען אַ בכבוד'יקן און אַן אָנגעזעענעם פּלאַץ אינ'ם „אויפגאַנג".

דער „אויפגאַנג" וועט זיין אַן אייגן און היימיש ווינקל פאַר די טאַלאַנטפולע יונגע שרייבער פון אַמעריקע. דאָס וועט זיין זייער גייסטיקע היים. געדאַנקען, וואָס צוליב זייער נייקייט אדער אַפּיקורסישקייט וועלן ניט קענען אַרויסגעזאָגט ווערן אין דער אַלגעמיינער אידישער פּרעסע, וועלן געפינען זייער אויס־דרוק אינ'ם „אויפגאַנג". טאַלאַנטפולע שרייבער, וואָס צוליב זייער יונגקייט, צוליב זייער פּנים חדשות'קייט וועלן באַגעגענען איבעראַל קאַלטקייט און גלייכגילטיקייט, וועלן אינ'ם „אויפ־גאַנג" אויפגענומען ווערן הבר'יש און וואַרעם.

דער „אויפגאַנג" וועט זיין פריי פון וועלכע עס איז פּאָלי־טישע דאָגמעס. ער וועט זיך, אָבער, פאַרנעמען מיט נאַציאָנאַלע (ניט נאַציאָנאַליסטישע) און סאָציאַלע פּראָבלעמען, וואָס מאַ־טערן די מוחות פון דער היגער פּראָגרעסיווער אידישער אינ־

טעליגענץ. איבערהויפט וועט זיך דער „אויפגאנג“ שטעלן אין דינסט פון דער וועלטלעכער אידישער קולטור.

דער „אויפגאנג“ וועט זען צו גרופירן ארום זיך דאס בעסטע, דאס אויפריכטיקסטע, וואס די היגע אידישע אינטעליגענץ פארמאגט און דערמיט שאפן אט די אידעאלע סביבה, אין וועלכער יונגע שרייבער און קינסטלער נויטיקן זיך אזוי שטארק און פון וואנען זיי זאלן קענען שעפן מוט און התלהבות פאר זייער שעפפערישער ארבעט.

טיילווייז איז דאס אונז שוין געלונגען. דער „אויפגאנג“ איז טאקע ארויסגעוואקסן און ווערט ארויסגעגעבן פון דער „געזעלשאפט אויפגאנג“, וואס באשטייט פון שרייבער, כלל טוער, פראפעסיאנאליסטן און שטודירנדער יוגנט.

ניט קוקנדיק אויף דער גערעטענעש, וואס איז לעצטנס דא געווארן אויף אידישע זשורנאלן פילט זיך דאך — אזוי גלויבן מיר — א מאנגל אין אזא זשורנאל, וואס זאל ארומנעמען די אלע טעטיקייטן און אויפגאבן, וואס מיר האבן דא אנגעווארפן. פון צייט צו צייט באווייזט זיך עפעס יע, דא און דארט, א זשורנאל, אדער א זאמלבוך פון יונגע שרייבער. די זשורנאלן און זאמלביכער האבן אבער דריי הויפט חסרונות: ערשטענס, זיי ערשיינען בלויז איינמאל אין א יובל; צווייטנס, זיי פארנעמען זיך, הויפטזאכלאך מיט דיכטונג; און דריטנס — אין אט די זאמלביכער און זשורנאלן באטייליקן זיך געוויסע אפגעקליבענע שרייבער, וואס שטייען נאהנט צום זשורנאל. פאר פרעמדע און נייע פנים׳ער איז שווער צו קריגן א צוטריט צו זיי.

מיר וועלן זען צו באזייטיקן אט די חסרונות דורך דעם, וואס: 1) דער „אויפגאנג“ ווערט ארויסגעגעבן פון א געזעלשאפט, אזוי אז אונזער זשורנאל האט הינטער זיך אן ארמיי פון פרייוויליגע טוער, וואס וועלן ארבעטן פאר דעם — דאס קען קיין שום אנדערער אידישער ליטערארישער זשורנאל ניט באווייזן — אז דער „אויפגאנג“ זאל קענען ערשיינען רעגלמעסיק יעדן מאנאט; 2) אינ׳ם „אויפגאנג“ ווען זיך דרוקן ניט בלויז לידער, נאר אויך אלע אנדערע פארמען פון ליטערארישער שאפונג, אויב זיי ווען נאר שטיין אויף דער געהעריקער קינסטלערישער און ליטערארישער הויך; 3) אינ׳ם „אויפגאנג“ וועלן זיך קענען באטייליקן אלע יונגע שרייבער, אויב זיי וועלן נאר פארמאגן אן עכטן טאלאנט. די וואס שטייען נאהנט צו דער רעדקציע וועלן ניכער אויסלאזן זייערע אייגענע ליטערארישע שאפונגען און וועלן בעסער מאכן פלאץ פאר נייע, פרעמדע יונגע שרייבער.

מיט׳ן גלויבן און מיט׳ן באוואוסטזיין אז מיר באשאפן א נייע וויכטיקע אינסטיטוציע אויף דער אידישער גאס טרעטן מיר צו צו דער ארויסגעבונג פונ׳ם ערשטן נומער „אויפגאנג“.